פרשת בשלח ||| שנת תשפ"ד לפ"ק ||| גליון ל"ח ||| שנה ב'

# הבינוני

שיעורי
הרב שמעון שפיצער
שליט"א

"לבוא ולהשכיל לשמוע ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים"
הבינוני
שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א

פטרון סדר שמות
ע"י אחד מבני החבורה
לעילוי נשמת אביו ע"ה
זכות לימוד התורה
יעמוד לו ולזרעו עד עולם

## בך בטחתי

### דרך ישרה שיבור לו האדם;

טרעפן אַ פּרנסה וואָס מען האָט אַ געשמאַק דערינען

שיעורי חוה"ל שער הבטחון שיעור י"ט, יום ראשון תבא ט"ו אלול תשע"ט

א

## לתקן עולם; אויסנוצן די 'כשרונות' צו מאַכן די וועלט אַ בעסערע פּלאַץ

### אַרבעטן פאר פּרנסה איז אַ חלק פון דער התחלת הבריאה

מיר האָבן געלערנט דעם יסוד וואָס דער 'חובת הלבבות' שטעלט אַראָפּ, אַז גלייך ביי דער אָנהויב פון דער וועלט, נאָך איידער דעם חטא אדם הראשון, האָט דער אויבערשטער מצווה געווען אדם הראשון 'לעבדה ולשמרה' - צו באַאַרבעטן די וועלט, ווייל דער מענטש דארף מתקן זיין די הייליגע ניצוצין וואָס איז אַריינגעפאַלן אין דער בריאה, און דאָס פּאַסירט דורכדעם וואָס מען טוט השתדלות פאר פּרנסה אויפ'ן ריכטיגן אופן.

שפּעטער, ווען דער מענטש איז דורכגעפאַלן מיט'ן חטא 'עץ הדעת' איז געוואָרן דער תיקון שווערער, ווייל ס'האָט זיך אויסגעמישט שטאַרקער די 'טוב' מיט דער 'רע' **און יעצט דאַרף מען שוין האָבן אַ גרעסערע האָרעוואַניע ביים מאַכן השתדלות**, ווי דער פּסוק זאָגט 'בזיעת אפך תאכל לחם'.

דאָס שטימט זייער שטאַרק מיט דעם וואָס דער 'חובת הלבבות' שמועסט אויס, אויף אַן אַנדערע פּלאַץ, אַז די סיבה פאַרוואָס אַ מענטש דארף אַרבעטן און לערנען איז כדי ער זאָל נישט דורכפאַלן מיט נישט גוטע זאַכן - 'שיגיעת שניהם משכחת עון'. דאָס הייסט אַז **די וועלט היינט צוטאָגס, נאָכ'ן חטא אדם הראשון, איז אַ פּלאַץ וואו מ'דאַרף אַרבעטן שווער אויף פּרנסה**, און אַז נישט ווערט מען חלילה אַראָפּגעשלעפּט צו חטאים וכדומה.

אַלענפאַלס איז קלאָר פון זיינע הייליגע ווערטער אַז דער רבוש"ע האָט געוואָלט אַז דער מענטש זאל באַאַרבעטן די בריאה. **ווען אַ איד אַרבעט פאר פּרנסה איז ער מקיים אַ שליחות פון דעם אויבערשטן**. בשעת ווען ער טוט אַ מלאכה איז ער זיך מדבק צו השי"ת ווייל ער טוט דערמיט דעם רצון ה'!

### יעדער איינער האָט זיין פּערזענליכע שליחות

'לעבדה ולשמרה' איז טייטש אַז אַ מענטש דארף אויסקלויבן אַזאַ סאָרט אַרבעט, וואָס ער קען דאָרט אויסנוצן זיינע 'תכונת הנפש' צו העלפן און מאַכן אַ תיקון פאר דער וועלט!

היינט צוטאָגס איז שוין נישט אַזוי שייך די מלאכות פון 'חרישה' און 'זריעה', אָבער **יעדע זאַך וואָס אַ מענטש טוט כדי צו העלפן אַז די בריאה זאָל זיין אַ בעסערע פּלאַץ האָט ער דערמיט מקיים געווען דעם רצון ה'**.

נישט ריכטיגע השתדלות הייסט ווען דער מענטש קלויבט אויס אַ פּרנסה, וואָס ער קען זיך דאָרט נישט אַרויסגעבן זיינע 'תכונת הנפש' לטובת די בריאה, אָבער ער טוט יענע פּרנסה בלויז ווייל עס ברענגט אים מער געלט. דער מענטש זאָגט: "איך דאַרף נאָר די געלט, ווען נישט וואָלט עס קיינמאָל נישט געטון..." דאָס איז אָבער אַ טעות, לאָז אָפּ די געלט אויף אַ מינוט! **פּרנסה טוט מען ווייל מ'דאַרף מקיים זיין דעם רצון הבורא!** די ריכטיגע חשבון פון אַ איד דאַרף זיין: **"וועלכע סאָרט פּרנסה זאָל איך זיך אויסקלויבן?! איך וועל אויסקלויבן אַ זאַך וואָס איך קען טון גוט, אַזוי וועל איך מקיים זיין דעם רצון הבורא בעסער!"**

### דו האסט באַקומען דיינע כשרונות פאַר 'תיקון העולם'

ס'איז דאך אַ נאַרישקייט צו נעמען אַ פּרנסה בלויז פאר די געלט! אודאי דאַרף מען נעמען אַ זאַך וואָס מען שפּירט אַז מ'קען דאָרט אויסנוצן די 'תכונת הנפש' און מען קען דאָרט גוט ערפילן דעם שליחות פון השי"ת.

יעדער מענטש האָט באַקומען פון השי"ת געוויסע ספּעציעלע כשרונות, יעדער מענטש האָט אן אַנדערע סאָרט אופן וויאַזוי ער טראַכט, אן אַנדערע סאָרט טאַלאַנט וויאַזוי זיינע הענט אַרבעטן, **דאָס אַלעס האָט דער אויבערשטער נישט געגעבן פאַר'ן מענטש כדי ער זאָל קענען פאַרדינען מער געלט!** ווייל פּרנסה באַקומט מען סייווי הימל, ווי מ'זעט אַז דער 'אפרוח' וואָס ליגט אין דער איי, האָט נישט קיין כשרונות און ער באַקומט אַלע זיינע שפּייז דאָרט אינעווייניג. דאָס זעלבע זעט מען ביי אַלע 'צמחים' און אַלע 'בעלי חיים' אַז זיי באַקומען זייער מזונות אָן קיין כשרונות. **די כשרונות האָט אונז דער אויבערשטער געגעבן אַז מיר זאָלן קענען בעסער אויספירן אונזער שליחות!**

מענטשן מיינען: פאַרוואָס האָט מיך דער אויבערשטער געגעבן מיינע כשרונות?! ווייל ער איז אַ 'טוב ומטיב' און ער האָט מיך געוואָלט העלפן צו קענען פאַרדינען שיין פּרנסה אַדאַנק מיינע כשרונות... **אָבער ווי דערמאַנט איז דאָס פשוט נישט ריכטיג אפילו במציאות. די גאַנצע בריאה באַקומט פּרנסה אויך אָן קיין כשרונות!** דער אויבערשטער איז בכלל נישט אָנגעוויזן אויף דיינע כשרונות כדי צו משפּיע זיין שפע! ער גיט דיך כשרונות ווייל דו האסט אַ תפקיד אויף דער וועלט!

ווען אַ איד נוצט אויס זיינע כשרונות מיט דעם כוונה, צו מקיים זיין די שליחות וואָס השי"ת האָט אים געגעבן צו אַרויסגעבן זיינע 'תכונת הנפש' כדי צו מאַכן די וועלט אַ בעסערע פּלאַץ, **גיט דאָס אים אַזאַ געוואַלדיגע 'שמחת החיים' און אַ 'סיפּוק'**, ווייל ער שפּירט אַז ער האָט מקיים געווען זיין תפקיד בשלימות!

### טרעף אן אַרבעט וואו דו קענסט אויסנוצן אַלע דיינע 'כלים'

מ'זעט אַז דער אויבערשטער האָט אויסגעשטעלט אַז געוויסע מלאכות קען מען פאַרדינען גאָר ווינציג דערפון, צום ביישפּיל טעקסי דרייווערס, וואָס איז

בעיקר געאייגנט פאר עלטערע מענטשן וואָס גייען שוין אַרויס אויף פּענסיע, ווייל מען מאכט נישט גענוג געלט דערפון.

דאָס איז אַזוי נקבע געוואָרן דורך השי"ת כדי אַז **מענטשן זאלן דאַרפן אַרבעטן מיט זאַכן וואו זיי דאַרפן אַרויסגעבן מער כשרונות און כלים פון זייער נפש!** דער אויבערשטער האָט מסדר געווען אַז ס'איז דאָ אַזעלכע אַרבעט וואָס מען באַקומט נישט דאָרט אַסאַך באַצאָלט, ווייל ס'איז טאַקע נישט געמאַכט פאר מענטשן וואָס קענען אויסנוצן מער פון זייערע 'כוחות הנפש'.

כדי צו מקיים זיין ריכטיג דעם ציווי פון 'לעבדה ולשמרה' דאַרף מען אויסנוצן אַלע כלים וואָס מען האָט. דעריבער, באַטראַכט דיינע פעאיגקייטן און ווייס אַז דאָס איז דיין שליחות וואָס דו דאַרפסט מקיים זיין!

### דער גראָסערי מאַן האָט אַ שליחות צו געבן עסן פאר מענטשן

לויט דעם קען מען גוט פאַרשטיין נאָך אַ זאַך וואָס שפּילט זיך אָפּ טאָג טעגליך אויף דער וועלט:

אַז מען באַטראַכט צום ביישפּיל אַ גראָסערי געשעפט וועט מען זען אַז **די געשעפט אייגנטומער פאַרדינען נישט קיין געלט פון יעדע פּראָדוקט וואָס זיי פאַרקויפן.** ס'איז טאַקע דאָ געוויסע פּראָדוקטן וואָס דאָרט מאַכן זיי אַסאַך געלט, ווידער איז דאָ אַנדערע עסנוואַרג אָדער חפצים וואָס זיי פאַרדינען דערויף כמעט גאָרנישט, און צומאָל דערלייגן זיי אפילו דערויף.

געווענליך איז מען דאָס מסביר אַז אַזוי אַרבעט אַ ביזנעס. דער גראָסערי מאַן קען נישט זאָגן: "איך פאַרקויף נאר די זאַכן וואָס איך פאַרדין דערפון אַסאַך געלט", ווייל ווער וועט דען קומען קויפן אין אַזאַ געשעפט?! אַ גראָסערי דארף האָבן אַן אויסוואַל פון אַלע סאָרט פּראָדוקטן צום פאַרקויפן און אַזוי, ביים סוף, קען מען שיין פאַרדינען.

אָבער בשורש איז די עכטע סיבה דערצו, ווייל דער מענטש האָט דעם געשעפט **נישט צו פאַרדינען געלט, נאר צו ערפילן זיין שליחות. ער איז דאָ צו העלפן פאַר די וועלט און ערמעגליכן אַז מ'זאָל קענען קויפן אַלע געברויכן!** ווען אַ איד איז מקיים זיין תפקיד בשלימות, העלפט אים דער אויבערשטער אַז ער באַקומט אויך זיין שפע און ער פאַרדינט שיין געלט. **אָבער נישט דאָס איז די אמת'ע סיבה פון דער השתדלות!** די תכלית פון דער אַרבעט איז צו 'געבן' פאַר דער בריאה!

דערפאַר איז עס טאַקע אַזוי אויסגעשטעלט

> **ווען אַ איד אַרבעט פאַר פּרנסה איז ער מקיים אַ שליחות פון דעם אויבערשטן**

אַז מענטשן וואָס זענען אויבער- חכמים און זיי וועלן נישט טון אָט די שליחות בשלימות, ווייל זיי פאָקוסירן בלויז צו פאַרדינען מער געלט, וועלן טאַקע שפּעטער דערלייגן און קיינער וועט נישט קומען צו זיי איינקויפן!

### דער 'אינשורענס אַגענט' האָט אַ שליחות צו העלפן מענטשן

די זעלבע זאַך איז אַקטועל ביי מענטשן וואָס פאַרקויפן אינשורענס. דער מענטש גיט זיך אָפּ מיט אַלע סאָרט מענטשן וואָס פאַרדרייען אים דעם קאָפּ, און ער פאַרדינט ניטאַמאָל קיין סאַך פון זיי, אָבער יעדע שטיק צייט באַקומט ער די אינשורענס פון אַ גרויסער עושר וואָס האָט עטליכע בנינים און דאָרט פאַרדינט ער זיין עיקר געלט.

שטייט איינער אין דער זייט און טראַכט: "דאָס איז דאָך אַ משוגענע אַרבעט... רוב פון דער צייט איז מען פאַרנומען מיט מענטשן וואָס מען פאַרדינט ניטאַמאָל קיין גרויסע רווחים פון זיי, אַלעס כדי מ'זאָל קענען אַמאָל כאַפּן אַ גוטן קאָסטומער".

וואָס איז דער אמת?! באמת איז דאָס לגמרי נישט קיין ביטערע אַרבעט! **דאָס איז די לכתחלה'דיגע פּלאַן!** דו העלפסט פאר דער בריאה! מען דאַרף טון די השתדלות נישט כדי צו פאַרדינען געלט, נאר צו ממלא זיין אַ שליחות און מאַכן די וועלט פאר אַ בעסערע פּלאַץ, **און אַז מען טוט דאָס ריכטיג וועט שוין דער אויבערשטער שיקן שיינע רווחים!**

### דער 'שדכן' האָט אַ שליחות צו ברענגען שידוכים מיט זיינע כשרונות

אַזוי איז אויך מיט מענטשן וואָס ווילן עוסק זיין אין 'שידוכים' אָדער צו זיין אַ 'בראָוקער'. מענטשן רעדן זיי אָפּ: "נע, טו נישט אַזאַ אַרבעט. אַמאָל קען זיך טאַקע מאַכן אַז מען אַרבעט ווייניג און ס'פאַלט אַריין גרינג געלט, אָבער אַסאַך מאָל איז מען פאַרנומען צוויי חדשים און דערנאָך טרעפט מען זיך אַז מען האָט גאָרנישט פאַרדינט".

דער ריכטיגער בליק דארף אָבער זיין אַז **די בריאה דאַרף דאָך האָבן אַזאַ סאָרט אַרבעט!** דעריבער ווענדט זיך דאָס אין דער כוונה פון דעם מענטש, אויב ער וועט דאָס טון בלויז ווייל ער וויל פאַרדינען געלט, און נישט ווייל ער וויל אויספירן זיין שליחות אויף דער וועלט בנאמנות, דעמאָלט וועט ער טאַקע זיין אַ דורכפאַל.

אָבער אויב אַ מענטש זאָגט זיך: "דער אויבערשטער האָט דאָך מיר געגעבן די כלים צו קענען איבערצייגן מענטשן מיט אַ געשמאַק, מיט אַ חכמה און אַ זיסקייט. **פאַרוואָס האָט מיך השי"ת געגעבן די כלים?! אלא מאי, אידישע קינדער דאַרפן דאָס האָבן. וועל איך דאָס טון כדי צו ממלא זיין מיין תפקיד!**".

אַזאַ איד וועט פאַרשטיין אַז ער האָט בכלל נישט געאַרבעט אומזינסט צוויי חדשים און שפּעטער איז אים אַריינגעפאַלן געלט פון ערגעץ אַנדערש, **נאָר ער האָט די גאַנצע צייט ממלא געווען זיין שליחות אויף דער וועלט!**

אַמאָל טראַכט אַ שדכן אָדער אַ בראָוקער אַז אודאי דארף מיך יענער צאָלן אַ טייערן פּרייז, ווייל אַזוי גייט עס. איינער דאַרף דאָך מיר באַצאָלן פאר די אַלע שעות און טעג וואָס כ'האָב זיך געמוטשעט פאר גאָרנישט.

ווען מען מאַכט אַזאַ טעות, **פאַרלירט מען דעם 'שמחת החיים' און די נאָענטקייט צום אויבערשטן.** לויט די ריכטיגע השקפת התורה האָסטו נישט געאַרבעט פאר גאָרנישט! האסט געטון דיין שליחות אויף דער וועלט!

יעדע סאָרט אַרבעט האָט אַסאַך לעכער, מען אַרבעט נישט צו פאַרדינען געלט. **טו עס הונדערט פּראָצענט בשלימות כדי צו מקיים זיין דעם רצון ה'!** אַז דו וועסט עס טון ריכטיג וועט דיך שוין דער אויבערשטער העלפן אַז ס'וועט אַריינקומען די פּרנסה. **אַז נישט פון דאָ וועט עס קומען פון אַ צווייטע פּלאַץ.** ס'האָט נישט צוטון מיט דיין השתדלות וואָס מען דאַרף סייווי טון צוליב דעם ציווי פון 'לעבדה ולשמרה'!

ב

## אהוב את המלאכה; וויאַזוי צו ממלא זיין אונזער תפקיד מיט אַ שלימות

### אַרבעטן איז וויכטיג אפילו ווען מען האָט פּרנסה

די משנה זאָגט אין אבות (פ"א מ"י) "**אהוב את המלאכה**" - מ'דאַרף ליב האָבן די אַרבעט וואָס מען טוט. דער ברטנורא זאָגט דאָרט אויפ'ן פּלאַץ: "**אפילו יש לו במה להתפרנס חייב לעסוק במלאכה**". -די אַרבעט איז נישט צו פאַרדינען געלט, נאר ווייל ס'איז דאָ אַ שליחות וואָס מ'דאַרף מקיים זיין!

דער ברטנורא לייגט צו: "שהבטלה מביאה לידי שיעמום", דאָס איז אויך געבויעט אויף דעם זעלבן יסוד, דערפאַר האָט דער אויבערשטער געמאַכט אַז אַ מענטש זאל מוזן אַרבעטן, און אויב ער וועט גיין ליידיג וועט אים עס ברענגען צו נישט גוטע זאַכן, ווייל אַ מענטש דארף טון זיין שליחות, ער דאַרף מקיים זיין דעם רצון ה' פון געבן פאַר דער וועלט, אָפּגעזען צי ער האָט יאָ אָדער נישט פּרנסה.

דער 'תוספות יום טוב' זאָגט נאָכמער אַז 'אהוב את המלאכה' איז טייטש, מ'זאָל ליב האָבן די אַרבעט נישט '**מפני שכרה**', נישט ווייל מען פאַרדינט געלט דערפון, נאר '**לאהבתה בעצמה**', ווייל דאָס אַליין האָט מען ליב! **יעדער מענטש דארף טון אן אַרבעט וואָס האָט ביי אים אַ חן, ער דאַרף הנאה האָבן צו טון זיין פּרנסה**, ווייל אַזוי קען מען ריכטיג מקיים זיין דעם רצון הבורא, דאָס וויל דער אויבערשטער פון דיך!

## טרעף אַ באַשעפטיגונג וואָס צו זיין פאַרנומען דערמיט

אין 'אבות דרבי נתן' (פרק י"א) שטייט אַ געוואַלדיגע לשון: **רבי יהודה בן בתירא אומר אדם שאין לו מלאכה לעשות מה יעשה? אם יש לו חצר חרבה או שדה חרבה, ילך ויתעסק בה, שנאמר ששת ימים תעבוד ועשית כל מלאכתך, ומה תלמוד לומר ועשית כל מלאכתך** (והלא כבר נאמר ששת ימים תעבוד)**? להביא את מי שיש לו חצרות או שדות חרבות, שילך ויתעסק בהן.**

אפילו איינער וואָס האָט נישט וואָס צו טון זאָל ער נעמען אַ שטיקל נישט באַאַרבעטע פעלד און ער זאָל דאָס אָנזייען, באַגיסן מיט וואַסער, און מאַכן וואַקסן! **אויב דו האסט נישט קיין באַשעפטיגונג טרעף עפּעס וואָס צו עוסק זיין דערינען!** ווייל אַז מען טוט דאָס לשם שמים, כדי צו באַאַרבעטן די וועלט, איז דאָס אַליין אַ געוואַלדיגע תכלית, אפילו מען פאַרדינט נישט קיין געלט דערפון!

## ווען מען איז נישט צופרידן פון דער אַרבעט

וועט אַ מענטש פרעגן, וואָס זאָל איך טון אַז איך געפין זיך אין אַזאַ סאָרט אַרבעט וואָס כ'האָב נישט ליב מיין פּרנסה, און דאָ זעה איך אין 'חובת הלבבות' אַז מ'דאַרף טון אַזאַ סאָרט אַרבעט וואָס מען האָט הנאה דערפון, ווייל אַזוי קען מען דאָס בעסטע אַריינלייגן די אייגענע 'כלים' און 'תכונת הנפש' צו מקיים זיין דעם רצון ה' פון 'לעבדה ולשמרה'?!

ערשטנס, דאַרף מען זיך אַליין באַטראַכטן, **אויב ער האָט טאַקע נישט ליב די אַרבעט בעצם, אָדער האָט ער נישט ליב די אַרבעט צוליב אַרומיגע שוועריגקייטן**, צום ביישפּיל ווייל איינער טשעפּעט אים דאָרט, די סביבה איז נישט געשמאַק א.ד.ג. אין אַזאַ פאַל ווייזט דאָס נישט אויף די אַרבעט, **נאר ס'איז אַ זייטיגע נסיון**, וואָס ער דאַרף דערויף מתפּלל זיין און תשובה טון כדי ס'זאָל אַוועקגיין, ווי חז"ל זאָגן: "הרואה יסורים באים עליו יפשפש במעשיו", אָבער **ס'האָט נישט מיט די פּרנסה זעלבסט!**

## די אַרבעט מיט די פאַרדינסט זענען נישט פאַרבינדן

אויב איז די אַרבעט אַ זאַך וואָס ער האָט ליב צו טון, **דעמאָלט זאל אַ מענטש בלייבן און עוסק זיין מיט דעם, אפילו אויב מ'צאָלט גאַנץ שוואַך פאר דער אַרבעט.** ווילאַנג ס'ווערט אָנגערופן אַן אַרבעט זאָל ער דאָס טון, אפילו ער ענדיגט נישט דעם חודש.

**דאָס וואָס דו ענדיגסט נישט דעם חודש דאָס איז נאָך אַ חשבון!** מאַך נישט קיין טעות! **ס'איז צוויי באַזונדערע זאַכן!** די אַרבעט זאָל ער ווייטער טון ווייל אַזוי איז ער מקיים דעם רצון ה', און פאר זיין פּרנסה זאָל ער זיך מחזק זיין מיט בטחון און תפלה אַז דער אויבערשטער זאָל אים שיקן פּרנסה בריווח.

## געב נישט אויף דיין 'שליחות' צוליב געלט

לאָמיר זיך פאָרשטעלן אַז ס'איז דאָ אַ מלמד וואָס די גאַנצע תלמוד תורה ווייסט אַז דער מלמד איז אַ גרויסער מומחה, די קינדער וואָס לערנען ביי אים גייען אַרויס מיט אַ געוואַלדיגע חיות און ערליכקייט און ער אַליין האָט אויך אַ געוואַלדיגע סיפּוק פון זיין עבודת הקודש. איין טאָג האָט ער אָבער מחליט געווען אַז ער גייט אָפּלאָזן זיין מלומדות, ווייל ער גייט חתונה מאַכן און ער דאַרף האָבן מער געלט, דעריבער וויל ער אָננעמען עפּעס אַ נאַרישע סאָרט פּרנסה, וואָס איז בכלל נישט געאייגנט פאר זיין תכונת הנפש, אָבער מ'קען דאָרט פאַרדינען שענער.

ס'איז אַזאַ שאָד! ער מאַכט דאָך אַ געוואַלדיגער טעות! דער מלמד איז דאך געווען 'מלא חיות' און די קינדער זענען געווען 'מלא חיות'! **פאַרוואָס זאָל ער דאָס אָפּשטעלן צוליב 'געלט', אין דער צייט וואָס געלט קומט דאך סייווי נאר פון דעם אויבערשטן?!**

אויב וויל ער טון מער השתדלות קען ער העכסטנס צולייגן קלענערע פּרנסות אין די זייטיגע צייטן, אויב ס'איז שייך, אָבער **פאַרגעס נישט פונעם עיקר!** דאַרפסט דאָך אויסנוצן דיינע כשרונות צו באַאַרבעטן די בריאה!

פאַרשטייט זיך אַליין אַז אויב דער מלמד נעמט אן אַזאַ סאָרט פּרנסה וואו ער גייט נוצן די זעלבע סאָרט כוחות צו משפּיע זיין אויף אַן אַנדערן סאָרט אופן, דעמאָלט איז דאָס בסדר גמור. די עלטערן פון די קינדער זענען אפשר צעבראָכן אָבער די וועלט וועט נאָכמער פאַרדינען.

דאָס איז אָבער זיכער אַז צו גיין נעמען אַן אַרבעט וואָס איז נישט געמאַכט פאר זיינע כלים **איז אַ גרויסער שאָד.** זאָל ער בלייבן טון זיין שליחות לשם שמים, צו אויסנוצן זיינע כוחות פאַר'ן רצון הבורא, און דער אויבערשטער וועט אים זיכער העלפן!

## ווען מען טרעפט זיך ביי אן אַרבעט וואָס איז נישט לויט די 'תכונת הנפש'

אַמאָל איז טאַקע דאָ ווען אַ מענטש געפינט זיך ביי אן אַרבעט וואָס ער האָט בכלל נישט קיין הנאה דאָרט. ער שפּירט אַז ס'איז אינגאַנצן נישט פאַר אים, אָבער ער דאַרף דאך האָבן פּרנסה און דאָס איז די ערשטע זאַך וואָס איז אים אונטערגעקומען, דערפאַר טוט ער דאָס, אָבער למעשה האָט ער נישט קיין חיות דערפון.

אַזאַ מענטש דארף געדענקן אז **ווילאַנג ער איז דאָרט איז זיכער דער רצון הבורא אַז ער זאָל האָבן די סאָרט אַרבעט.** והא ראי' אַז ער וויל דאך באַקומען אַ בעסערע אַרבעט און דערווייל האָט ער עס נישט באַקומען.

ער קען טאַקע ווייטער מתפּלל זיין און האָבן בטחון אַז דער רבוש"ע וועט אים מזמין זיין אַ גוטע פּרנסה און ס'זאָל אים ווערן ליכטיג, אָבער **דערווייל זאָל ער געדענקן אַז אויך אויף דעם פּלאַץ האָט ער עפּעס אַ שליחות!** אפשר גאָר האָט דער אויבערשטער אים דאָרט אַריינגעשטעלט כדי די אַרומיגע מענטשן זאָלן זען וויאַזוי אַ איד לעבט מיט אמונה ובטחון און זיי זאָלן זיך אָפּלערנען פון אים.

ווען אַ איד ווייסט אַז אין יעדן מצב איז ער מקיים אַ געוויסע שליחות קען ער דערנאָך מתפּלל זיין אַז דער רבוש"ע זאָל אים פירן אויפ'ן ריכטיגן וועג, ער זאָל טרעפן אַן אַרבעט וואו ער זאָל קענען בעסער אויסנוצן זיינע כוחות הנפש.

ג

# חזקה על שליח; יעדער איינער פאַרמאָגט אַן אייגענע שליחות אויף דער וועלט

## 'השתדלות' איז גענוג אויב מען איז דורכדעם ממלא דעם שליחות

מען הערט צומאָל פון מענטשן אַ סברא אַז איינער וואָס אַרבעט לויט די שעה און באַקומט אַ געוויסע 'וועיזש', וואָס אפילו אויב ער גייט אנפולן אַלע שעות גייט ער נישט קענען חתונה מאַכן זיינע קינדער מיט אַזאַ געהאַלט, הייסט דאָס נישט קיין השתדלות, ווייל ס'איז נישט גענוג פאר זיינע הוצאות.

טעות גדולה! **ווילאַנג אַ מענטש נוצט אויס זיינע כוחות הנפש ביי דער אַרבעט הייסט דאָס ריכטיגע השתדלות!** לו יצוייר אַז דער מענטש וואָלט יאָ באַקומען אן אַנדערע אַרבעט וואו מען צאָלט אַסאַך, אָבער נאָכדעם וואָלט זיך זיין דירה חלילה פאַרברענט און ער דאַרף יעצט אויפקומען מיט הונדערט טויזנט דאָלער דאָס צו איבערבויען, וואָלט עס דעמאָלט אויך געהייסן אַז ער טוט נישט גענוג השתדלות?! **וואָס האָט צוטון איינס מיט'ן צווייטן?!**

'השתדלות' דאַרף מען טון כדי צו אַרויסגעבן די 'כוחות הנפש' פאר דעם תיקון הבריאה און ווידעראום די 'שפע' איז מען יונק פון גאָר אן אַנדערע פּלאַץ!

דער אויבערשטער האָט טאַקע געמאַכט אַז ס'זאָל אויסזען ווי כאילו די 'אַרבעט' מיט די 'פּרנסה' זאלן זיין געבינדן איינס צום אַנדערן. דאָס איז געמאַכט געוואָרן בלויז צו שטופּן דעם מענטש אַז ער זאל מקיים זיין דעם רצון ה' פון 'לעבדה ולשמרה'. אָבער **פון הימל פאַרלאַנגט מען בלויז אַז דער מענטש זאל טון זיין השתדלות לשם שמים**, און צו באַקומען זיין פּרנסה זאָל ער מוסיף זיין בתפלה מיט אַן אמונה ובטחון וואָס דעמאָלט וועט ער זיכער געהאָלפן ווערן מיט אַ שפע!

## 'שפע' קומט בלויז דורך 'ביטול' צום אויבערשטן

לאָמיר גיין מיט אַ טריט ווייטער:

מ'קען זען קלאָר אין דער גאַנצער טבע פון דער וועלט אַז 'שפע' קען נישט קומען בלויז ווען ס'איז דאָ אַ מצב פון אַ 'מקבל' וואָס איז זיך מבטל צו דעם 'משפּיע'.

אַזוי אַרבעט די גאַנצע סדר הבריאה, אפילו ביי די 'צמחים' און 'בעלי חיים', אַז ווען דער 'מקבל' איז זיך מבטל פאר דעם 'משפּיע' ברענגט דאָס אַ 'הולדה'!

עס שטייט אין **ספרים הק'** אַז דערפאַר קומט אַראָפּ די שפע ווען מען איז מתפּלל. ווייל **בשעת מען דאַוונט איז דער מענטש זיך מבטל, ער ווערט אַ 'מקבל' פאַר'ן רבוש"ע וואָס איז דער 'מקור השפע'.** אָה, יעצט ווערט אַ חיבור, אַ יחוד, און דאָס איז מעורר אַ 'הולדה' פון שפע!

**ווי קען מען אפילו זאָגן אַז ווען אַ מענטש פאַרקויפט אַ געוויסע פּראָדוקט וועט ער באַקומען דערפון געלט?!** שפע קען דאָך נישט קומען בלויז פון איין סאָרט אופן! **ווען אַ 'מקבל' איז זיך מבטל צו אַ**

**'משפיע'!**

אלא מאי, איז דאך קלאָר אַז 'נישט די אַרבעט' און 'נישט די השתדלות' ברענגען די פּרנסה! נאר ווען אַ מענטש טוט וואָס ער דאַרף, און ער איז זיך מבטל צום אויבערשטן מיט תפלה און בטחון, **יעצט קען אַראָפּקומען זיין פּרנסה!** דאָס ברענגט אַ שפע אויף דער וועלט!

## מקיים זיין די 'שליחות' דורך לימוד התורה

מ'דאַרף דאָ צולייגן אַז ווען אַ איד זעט אַז ער האָט די פינאַנציעלע מעגליכקייט צו זיצן און לערנען, **דעמאָלט איז ער אודאי מקיים דעם 'לעבדה ולשמרה' אויף אַסאַך אַ העכערן אופן!**

אויב דער אויבערשטער האָט אים געוויזן אַז ער קען בלייבן ביים לערנען, ווייל ער האט נישט קיין דאגות פּרנסה, דעמאָלט איז דאָס אַן איבערצייג אַז ער דאַרף זיין פון די 'שבט לוי', וואָס **ס'איז נישט צום אָפּשאַצן וויפיל די מענטשן טוען אויף פאַר דער בריאה!** דאָס איז זיין השתדלות און ער באַאַרבעט די בריאה אויף אַ געוואַלדיגן הויכן אופן!

אפילו אויב מ'האָט נישט ממש קיין רחבות, אָבער מ'קען דאָס נאָך דורכשטופּן און דער מענטש איז מסכים צו לעבן אַביסל בצמצום, בתנאי אַז ס'גייט נישט אויף יענעמ'ס חשבון, ווייל ער וויל זוכה זיין צו באַאַרבעטן די וועלט דורך תורה, **דעמאָלט איז דאָס זייער חשוב!**

אָבער אויב ס'האַלט ביי אַ מצב אַז ער האָט שוין חובות און עס ווערט פּראָבלעמען צוליב דעם וואָס ער אַרבעט נישט, **דעמאָלט איז דער מענטש געוויס יאָ מחויב צו זען וואָס איז זיין תפקיד אויף דער וועלט.** ער דאַרף צוביסלעך זיך אומקוקן וואָס איז זיין שליחות פון "לעבדה ולשמרה" אין דעם יעצטיגן מצב.

## 'העלאת הניצוצות' דורך אַרבעטן ערליך

די הייליגע **חסיד'ישע ספרים** זענען מסביר נאָך טיפער, אַז די שליחות פון 'לעבדה ולשמרה' איז נישט ווייל די וועלט דאַרף האָבן ווער ס'זאָל דאָ פלאַנצן טאָמאַטעס און אָנגרייטן עסן פאַר מענטשן... **די עבודה פון 'לעבדה ולשמרה' איז אַן עבודה וואָס איז מקרב די גאולה און דעם תיקון השלם!** ווייל ס'איז פאַרהאַן זייער אַסאַך 'ניצוצי הקדושה' וועלכע זענען אַראָפּגעפאַלן אויף דער גשמיות'דיגער וועלט און **ווען אַ איד איז עוסק מיט זיין 'השתדלות' ווייל ער וויל דערמיט מקיים זיין דעם רצון ה' איז ער דערמיט מעלה די ניצוצי הקדושה פון דעם פלאַץ וואו זיי געפינען זיך!**

אַ איד וואָס אַרבעט לשם שמים **האָט געמאַכט אַז די וועלט זאל ווערן מער מתוקן און ער איז מקרב די גאולה נענטער.** פאַרשטייט זיך אַז דער 'בעל תורה' איז מעלה די ניצוצות דורך תורה, אויב ער לערנט 'תורה לשמה' אויפ'ן ריכטיגן אופן, דעמאָלט איז ער מברר אַלע בירורים אויף אַ הויכע מדריגה!

דאָס איז אַלעס געוואָנדן לויט די שרשי נשמות. יעדער מענטש האָט זיך זיין תפקיד, אויף וועלכע פלאַץ ער דאַרף דאָרט מעלה זיין די ניצוצי הקדושה.

## גדולה מלאכה; דאָס גרויסע חשיבות פון אַרבעטן לשם שמים

ס'איז דאָ אַ הפלא'דיגע לשון פון מדרש (אוצר המדרשים גדול וגדולה): **"גדולה מלאכה שכמה בריות ברא הקדוש ברוך הוא בעולמו ולא מסר מלאכה אלא לבני אדם בלבד".** - דער אויבערשטער האָט באַשאַפן אַסאַך

**יעדער מענטש דאַרף טון אַן אַרבעט וואָס האָט ביי אים אַ חן, ער דאַרף הנאה האָבן צו טון זיין פּרנסה**

באַשעפענישן אָבער ער האָט איבערגעגעבן די זאַך פון אַרבעטן בלויז פאר דעם מענטש וואָס איז אַ 'בעל בחירה' און ער קען דורכדעם מברר זיין ניצוצים קדושים!

דער מדרש זאָגט ווייטער: **וכן היה רבי מאיר אומר ראית מימיך ארי סבל, דוב קייץ, שועל חנווני, או אחד מהחיות עושה מלאכה?! למה לא ניתנה להם מלאכה? לא מפני שהם טפלים, אלא מפני שהמלאכה עדיפא"** - מען האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען אַ לייב וואָס שלעפּט פּעקלעך פאר פּרנסה, אַ בער וואָס שניידט אָפּ פייגן פון בוים, אָדער אַ פוקס וואָס האָט אַ געשעפט. קיינער פון די חיות קען נישט טון קיין אַרבעט. פאַרוואָס?! נישט ווייל זיי זענען נישט חשוב, נאר ווייל די זאַך פון אַרבעטן אַסאַך חשוב'ער. דאָס קען נאר איבערגעגעבן ווערן פאַר'ן מענטש!

דער מדרש רעכנט דאָרט אויס אַז אַלע נביאים האָבן עוסק געווען צו אַרבעטן: **גדולה מלאכה שכל הנביאים התעסקו בה, ביעקב כתיב 'אשובה ארעה צאנך' וגו'** (בראשית ל, לא). **משה רבינו ע"ה 'ומשה היה רועה' וגו' )שמות ג, א), דוד ע"ה 'ויקחהו ממכלאות צאָן'** (תהלים עח, ע). **עמוס, 'כי בוקר אנכי ובולס שקמים'** (עמוס ז, יד).

און דער מדרש ענדיגט צו: **"גדולה מלאכה שלא שרתה שכינה בישראל עד שעשו מלאכה שנאמר וירא משה את כל המלאכה וגו' ויברך אותם משה** (שמות לט, מג)**, ומה ברך אותם? אמר להם יהי רצון שתשרה שכינה במעשה ידיכם."**

דער מדרש לערנט אונז אַז דער רבוש"ע וואָלט ווען געקענט מאַכן אַז די חיות זאלן דאַרפן זיין פאַרנומען מיט פּרנסה און מענטשן זאָלן קענען זיצן רואיג און לערנען, אָבער דער אויבערשטער האָט דאָס דירעקט נישט געמאַכט אַזוי, **ווייל די אַרבעט איז אַ מורא'דיגע טיפע שליחות וואָס נאָר דער מענטש קען טון!**

## פאַרדינען פּרנסה מיט אַ פולקאָמע ביטול צום רצון ה'

דער רבוש"ע דארף נישט האָבן אונזער הילף, אַז מיר זאָלן כאילו 'העלפן' באַאַרבעטן די בריאה... ער האָט בלויז געוואָלט אַז מיר זאָלן טון די הייליגע שליחות דורך אונזער אַרבעט! ער האָט געוואָלט אַז מיר זאָלן זיך מבטל זיין צום רצון ה' און וויסן אַז **מיר זענען דורך די אַרבעט מברר 'ניצוצי הקדושה' און מיר ברענגען אַן 'השראת השכינה' אויף דער וועלט!**

דער אויבערשטער האָט געזאָגט: אַ איד וואָס וועט זיך פאַרלאָזן אויף מיר אַז איך געב אים די פּרנסה, ער וועט דערפאַר דאַווענען רואיג בציבור, ער וועט קובע זיין עתים לתורה און ער וועט עוסק זיין אין דער אַרבעט צו מקיים זיין אַ שליחות, וועט ער טאַקע באַקומען זיין שפע פון הימל און ס'וועט אים גאָרנישט פעלן!

אָבער אויב ער וועט מסיח דעת זיין פון דעם שליחות און ער וועט אָנהויבן אַרבעטן מיט אַ מחשבה אַז די אַרבעט גייט אים ברענגען פּרנסה, **דעמאָלט וועט זיין שפע נתמעט ווערן חלילה.** סיי ווייל ער איז זיך בוטח אין זיין אייגענע השתדלות און סיי ווייל ער איז דאָך נישט מקיים ריכטיג זיין שליחות פון ביטול פאַר'ן רצון ה'!

## די מורא'דיגע 'השראת השכינה' וואָס ווערט נשפע ביים אַרבעטן ערליך

לאָמיר צוענדיגן די סוגיא מיט דעם באַקאַנטן כלל וואָס איז דאָ ביי יעדע שליחות אַז **"יד שליח כמשלח"**. על פי הלכה ווערט דער 'שליח' ממש אינגאַנצן בטל צו דעם 'משלח' און ווען ער טוט עפּעס בשליחותו, **הייסט עס ווי דער 'משלח' וואָלט עס בפועל געטון!**

דערפאַר קען 'ראובן' שיקן 'שמעון' אַז ער זאָל אים גיין מקדש זיין אַ פרוי, אפילו ער האָט דאָך עס נישט געטון, אָבער היות 'שמעון' איז יעצט אַ שליח, **איז ער אינגאַנצן בטל צו 'ראובן'**, עד כדי כך אַז ווען שמעון טוט סיי וועלכע מעשה, ווערט דאָס באַטראַכט אַזויווי ראובן'ס האַנט טוט עס יעצט.

לויט דעם קומט אויס אַז ווען אַ איד טוט זיין אַרבעט מיט אַ ביטול צו מקיים זיין דעם שליחות פון השי"ת, **דעמאָלט ברענגט ער אַראָפּ אַ געוואַלדיגע השראת השכינה דאָרט וואו ער געפינט זיך!** ער ווערט ממש דער 'ידא אריכתא' צו טון וואָס דער אויבערשטער האָט אים געהייסן!

ווען דער מענטש איז ממשיך אַזאַ מורא'דיגע השראת השכינה וועט ער טאַקע האָבן געבענטשטע 'תוצאות' פון שפע און פרנסה בהרחבה. ווי מען האָט דערמאַנט אין די פריערדיגע שיעורים אַז אַ מענטש קען נאר טון די 'פּעולות', אָבער די 'תוצאות' ליגט בלויז ביים אויבערשטן. ווען אַ מענטש איז בטל לגמרי צום 'משלח' דעמאָלט באַקומט מען אויך אַ געוואלדיגע הצלחה, ווייל נישט 'ער' טוט דאָ, דער 'אויבערשטער' כביכול טוט דאָ! **אודאי איז שורה ברכה במעשי ידיו!**

אַזאַ איד וועט נישט אָנרירן קיין פּרוטה וואָס איז נישט זיינס. ער וועט נישט רעדן קיין וואָרט וואָס גרעניצט זיך מיט שקר, **ווייל ער ווייסט אַז זיין גאַנצע אַרבעט איז בלויז אַ שליחות.** מ'קען נישט נעמען קיין 'געלט', מ'קען זיך מבטל זיין צום רבוש"ע און דעמאָלט באַקומט מען די פּרנסה פון דעם 'מקור השפע'.

## די קלאָרע כללים איבער 'השתדלות' און 'בטחון'

לסיכום הדברים, זאָגט אונז דאָ דער 'חובת הלבבות' צוויי וויכטיגע יסודות:

ערשטנס, הייב אָן כאַפּן אַז די אַלע זאַכן וואָס דו טוסט, ווייל דו מיינסט אַז ס'גייט דיך ברענגען געלט, **איז באמת פול מיט פּראָבלעמען!** נעם יעדע סאָרט אַרבעט און זיי זיך גוט מתבונן דערינען, וועסטו זען אַז ס'איז פול מיט לעכער און ס'גייט דיך נישט ברענגען קיין מנוחת הנפש!

צווייטנס, טייל אָפּ צווישן די זאַך 'פּאַרוואָס מ'דאַרף אַרבעטן' און די וועג 'וויאַזוי מען באַקומען די שפע'. **אַרבעטן דאַרף מען וויבאַלד דאָס איז אונזער שליחות אויף דער וועלט, און געלט באַקומט מען ווען מען פאַרלאָזט זיך אויפ'ן אויבערשטן.**

ווי פאַרשטענדליך דארף די בטחון זיין בתנאי אַז מען טוט טאַקע דעם שליחות ריכטיג. מען אַרבעט ווייל מען איז זיך מבטל פאַר'ן רצון ה'. דאָס וועט ברענגען אַלע גוטע השפעות, ווי דער כלל אַז יעדע ביטול פון אַ 'מקבל' צו אַ 'משפיע' ברענגט אַ 'הולדה' פון שפע.

ווען איינער בטל'ט די צייט וועט ער נישט האָבן קיין פרנסה, ווייל ער האָט זיך נישט מבטל געווען צום אויבערשטן, אפילו אויב ער האָט געזאָגט אַגאַנצע צייט אַז ער האָט 'בטחון', **ווייל דער רבוש"ע האָט דאָך געהייסן 'לעבדה ולשמרה', פאַרוואָס האָסטו גאָרנישט געטון?! פארוואָס ביזטו געזיצן און פאַרברענגט די צייט?!**

וועט איינער זאָגן, אָה, זעהסטו?! השתדלות ברענגט די פרנסה! **ניין, דאָס איז נישט ריכטיג! פרנסה קומט דורך זיך מבטל זיין פאַר'ן רצון ה'!** די איינציגע זאַך וואָס קען ברענגען אַ שפע איז דורך די זאַך פון 'ביטול', און ווען אַ איד אַרבעט אויפ'ן ריכטיגן אופן איז ער זיך מבטל פאַר'ן רצון ה', **וועט ער אודאי באַקומען זיין פרנסה!**

פאַרשטייט זיך אַז איינער וואָס זיצט און לערנט, ווען ער זעט אַז דאָס איז דער רצון ה', **איז ער אודאי אויך מקיים דעם ביטול דורך לערנען די תורה הק'**, ער איז מקיים דעם 'לעבדה ולשמרה' און ער טוט ערפילן זיין שליחות אויף דעם הויכן אופן.

יעדער איד וואָס טוט זיין שליחות, מיט אַ ביטול פאַר'ן משפיע, וועט בסייעתא דשמיא זען וויאַזוי דאָס ברענגט אַ געבענטשטע 'תולדה' מיט גרויס שפע און אַלע השפעות טובות!

# אור החיים הק'

## שירה חדשה שבחו גאולים;

די 'שירת הים' וואָס מ'זאָגט יעדן טאָג קען אונז אַרויסנעמען פון 'אַלע' צרות

ערב שב"ק פרשת בשלח ט"ו שבט תשפ"א

א

## ויאמינו בה'; דורך 'אמונה' קומט מען צו 'שירה'

### אַ פרשה פון 'אמונה'

פרשת בשלח איז אַ פרשה אָנגעפולט מיט חיזוק און אמונה. אַמאָל האָט איינער געזאָגט פאַר כ"ק אדמו"ר **מסקווירא** זצ"ל אַז פרשת בשלח איז מסוגל פאר פרנסה, ווייל ס'שטייט דאָ די 'ביזת הים' און די 'פרשת המן'. האָט אים דער סקווירא רבי געזאָגט: **"איר האָט דאָס נישט גוט אָפּגעלערנט, פרשת בשלח איז מסוגל פאר אמונה! קריעת ים סוף, פרשת המן, מחיית עמלק, אַלעס שרייט אמונה"!**

שבת פרשת בשלח איז טאַקע אַ מורא'דיגע שבת וואָס ס'איז פאַרהאַן אַסאַך סגולות אין דעם שבת, בפרט אין דער קריאת התורה פון דער פרשה, וואָס ברענגט אַריין אַ גרויסע ליכטיגקייט אין דער אידישער נשמה.

### אידן האָבן זוכה געווען צו 'שירה' אַדאַנק זייער אמונה

דער **אור החיים הק'** שטעלט זיך אויפ'ן פסוק 'אז ישיר משה': **"לא היה צריך לומר אָז, אלא וישר משה וגו' והדבר מובן כי אז שוררו."** - פאַרוואָס שטייט דאָס לשון 'אָז ישיר' און נישט ווי געווענליך 'וישר משה'?!

ענטפערט דער אור החיים הק': **"אכן יכוין הכתוב להודיענו הכנת המושג"** - די תורה וויל אונז מודיע זיין וויאַזוי האָבן אידן זוכה געווען צו אַזאַ הויכע מדריגה פון זאָגן שירה מיט רוח הקודש, ווען אפילו דער שוואַכסטער איד האָט געוויזן מיט'ן פינגער און געזאָגט 'זה קלי ואנוהו'. פון וואו זענען זיי אָנגעקומען צו אַזאַ געוואַלדיגע השגה?!

דער תירוץ איז אַז זיי האָבן זוכה געווען צו זינגען שירה, צוליב די אמונה וואָס זיי האָבן געהאַט אין השי"ת! דאָס לשון 'אָז ישיר משה' גייט אַרויף אויף דעם וואָס ס'שטייט אין די פריערדיגע פסוקים 'ויאמינו בה' ובמשה עבדו', ווייל בלויז נאָכדעם וואָס זיי זענען צוגעקומען צו אַזאַ שטאַרקע אמונה האָבן זיי געקענט זינגען אַזאַ סאָרט געהויבענע שירה!

**"כי כשנכנסה בלבם יראת הרוממות והאמונה השלימה, אז זכו לומר שירה ברוח הקודש"** - ווען זייער האַרץ איז געוואָרן אָנגעפולט מיט אַ גאַנצע אמונה און מיט אַ שטאַרקע יראת הרוממות האָבן זיי זוכה געווען צו זאָגן שירה מיט רוח הקודש.

### די 'שירה' איז שוין געווען אַ תוצאה פון דעם 'זכות האמונה'

דער אור החיים הק' איז מסביר אַז דאָס לשון פון 'אז ישיר' קומט נישט פאַרציילן אויף וועלכע 'זמן' זיי האָבן געזאָגט שירה, נאר עס קומט זאָגן אין וועלכע 'מדריגה' זיי זענען געווען! זיי האָבן געהאַלטן נאָך אַ 'ויאמינו בה' ובמשה עבדו' און בלויז אַדאַנק די אמונה האָבן זיי געקענט אָנקומען צו זאָגן שירה.

ס'איז באַקאַנט אַז ביי דער חנוכת הבית פון ישיבת חכמי לובלין האָט דער **אמרי אמת** פון גור זצ"ל געזאָגט פאַר הגאון רבי **מאיר שפירא** זצ"ל, דער מייסד פון דער ישיבה: "איך בין אייך נישט מקנא אויף דעם זכות פון עפענען אַזאַ מקום תורה, איך בין אייך מקנא אויף די מצוה וואָס איר האָט געטון בעפאָר, וואָס דאָס האָט אייך מזכה געווען בבחינת 'מצוה גוררת מצוה', אַז איר האָט זוכה געווען צו אַזאַ זכות פון מייסד זיין דער ישיבה!"

דאָס זאָגט דאָ דער אור החיים הק': **די שירה וואָס אידן האָבן געזינגען איז געווען אויסערגעוועונליך, אָבער דאָס איז שוין די 'תוצאה'!** ווען מען איז זוכה צו אַזאַ קלאָרקייט אַז מען זינגט פאַר'ן רבוש"ע, דאָס איז שוין אַ רעזולטאַט! **די שאלה איז וואָס האָבן זיי געטון בעפאָר אַז זיי האָבן זוכה געווען דערצו?!** אויף דעם קומט די תשובה 'אָז ישיר' - נאָכדעם וואָס זיי האָבן געהאַט אמונה אויף אַ שטאַרקע מדריגה, נאָכדעם וואָס זיי זענען געווען אויף דער מדריגה פון 'ויאמינו בה' ובמשה עבדו', **האָט זיי דאָס געברענגט צו קענען זינגען שירה מיט אַזאַ רוח הקודש!**

ב

## מה תצעק אלי; ווען אפילו 'תפלה' העלפט נישט, אָבער 'אמונה' העלפט אַלעמאָל

### פאַרוואָס זאלן אידן נישט דאַווענען?!

ס'איז כדאי צו דערמאַנען וואָס דער אור החיים הק' זאָגט אויפ'ן פסוק **"וידבר ה' אל משה מה תצעק אלי דבר אל בני ישראל ויסעו"**, וואָס יענער שטיקל איז משלים וואָס דער אוה"ח זאָגט דאָ אויפ'ן פסוק 'אז ישיר משה'.

דער אור החיים הק' שטעלט זיך דאָרט אַז לכאורה פאַרוואָס זאָגט דער רבוש"ע 'מה תצעק אלי', צו וועמען דען זאָל משה רבינו שרייען אויב נישט צום אויבערשטן?!

נאָך איז שווער, פאַרוואָס שטייט דאָרט 'דבר אל בני ישראל ויסעו' און הערשט דערנאָך שטייט אַז משה זאל שפּאַלטן דעם ים, 'הרם את מטך ונטה את ידך על הים'. עס וואָלט געדאַרפט זיין פאַרקערט, צוערשט זאל משה רבינו שפּאַלטן דעם ים און דערנאָך זאלן אידן אַריינגיין אין ים.

### אותיות מחכימות

אור החיים הק' בשלח יד, טו

וידבר ה' אל משה מה תצעק אלי דבר אל בני ישראל ויסעו.

קשה, ולמול מי יצעק אם לא לה' אלוקיו, ובפרט בעת צרה? עוד קשה אומרו דבר אל בני ישראל ויסעו, להיכן יסעו אם רודף מאחור והים לפניהם? ואם הכוונה אחר שיבקע הים, אם כן היה לו לומר הרם את מטך וגו' ואחר כך יאמר דבר אל בני ישראל ויסעו .

אכן יתבאר הענין על פי מאמרם ז"ל (שמות רבה פכ"א) שישראל היו נתונין בדין מה אלו אף אלו וכו'. והנה לצד שראה א-ל עליון כי ישראל קטרגה עליהם מדת הדין, והן אמת כי חפץ ה' לצדק ישראל, אבל אין כח ברחמים לצד מעשיהם כנזכר, אשר על כן אמר למשה תשובה נצחת : מה תצעק אלי? פירוש כי אין הדבר תלוי בידי, הגם שאני חפץ עשות נס, כיון שהם אינם ראוים, מדת הדין מונעת ואין כח ברחמים כנגד מדת הדין המונעת.

ואמר אליו: דבר אל בני ישראל , פירוש זאת העצה היעוצה להגביר צד החסד והרחמים , דבר אל בני ישראל ויתעצמו באמונה בכל לבם ויסעו אל הים קודם שיחלק על סמך הבטחון כי אני אעשה להם נס, ובאמצעות זה תתגבר הרחמים.

## תפלה אַליין איז נישט גענוג צו מבטל זיין דעם קטרוג

זאָגט דער אור החיים הק' אַז ווי מיר ווייסן פון חז"ל האָבן אידן דעמאָלט געהאַט אַ גרויסן קטרוג. די מלאכים האָבן מקטרג געווען "הללו עובדי עבודה זרה והללו עובדי עבודה זרה". אידן זענען נישט געווען צופיל אַנדערש פון די מצרים, זייענדיג טיף פאַרזינקען אין דער קליפּה.

דער רבוש"ע האָט געזען אַז **צוליב דעם געוואַלדיגן קטרוג וועט תפלה אַליין נישט זיין גענוג**, ווייל אידן זענען נישט געווען ראוי 'מצד מעשיהם'. דערפאַר האָט דער אויבערשטער געזאָגט: "מה תצעק אלי", **סתם דאַווענען וועט נישט העלפן יעצט**, ווייל תפלה וועט טאַקע מעורר זיין די שפע, אָבער ווען ס'ווערט נתעורר שפע איז זיך אויך מתגבר דער מדת הדין, (כמבואר בספה"ק מאור עינים פרשת ואתחנן).

## בטחון קען צעברעכן די גרעסטע קטרוגים

וואָס איז די עצה?! האָט דער אויבערשטער געזאָגט פאַר משה רבינו: **די איינציגע עצה איז 'אמונה' מיט 'בטחון'!** 'דבר אל בני ישראל ויסעו'!

יעצט וועט נישט אַרבעטן בלויז תפלה,**יעצט דאַרפן אידן גלייבן אַזוי שטאַרק אַז אַלעס איז דער אויבערשטער!** זיי דאַרפן האָבן אַן אמונה טאַקע אין דעם מצב ווען זיי זען די מצריים אויף איין זייט, די חיות פון מדבר אויף דער אַנדערער זייט און דער ים אויף נאָך אַ זייט. ס'קוקט אויס ווי ס'איז אוממעגליך געהאָלפן צו ווערן, **דאַרפן זיי יעצט גלייבן באמונה שלימה אַז די גאַנצע טבע איז גאָרנישט!** ס'איז אַלעס שקר וכזב! אַז דער אויבערשטער הייסט גיין וועל איך גיין! איי, וואו וועט מען גיין?! דאָס איז נישט קיין שום פּראָבלעם! **עס זעט טאַקע אויס אַז ס'איז דאָ שוועריגקייטן אָבער דאָס איז אַלעס איין שטיק דמיון!**

ווען מען האָט אַזאַ שטאַרקע אמונה דעמאָלט **קען דאָס ברעכן אפילו די גרעסטע מצב פון 'מסך המבדיל'.** עס קען ברענגען אַ ישועה אפילו ווען דער מדת הדין איז מקטרג מיט'ן אַרגסטן סאָרט קטרוג!

## אמונה העלפט אַלעמאָל

דער אור החיים הק' שטעלט דאָ אַוועק אַ מורא'דיגע יסוד אַז אפילו ווען אַ מענטש איז נישט ראוי צו געהאָלפן ווערן, און אפילו ווען דורך תפלה קען ער נישט אויס'פּועל'ן קיין ישועה, **אָבער מיט אמונה ובטחון קען מען געהאָלפן ווערן אויך אין אַזאַ סאָרט מצב!** מה תצעק אלי?! דאַוון נישט יעצט! דבר אל בני ישראל ויסעו!

דער רבוש"ע האָט געהייסן פאר משה רבינו: זאָג פאַר אידן אַז **זיי זאָלן אַריינשפּרינגען מיט אַן אמונה כאילו ס'וואָלט גאָרנישט געווען קיין ים!** זיי זאָלן האָבן אַזאַ שטאַרקע אמונה אַז די טבע איז שקר און אַז דער רבוש"ע הייסט גיין וועט מען זיכער קענען גיין! **יעצט נאָכדעם וואָס אידן האָבן געהאַט די אמונה, קען שוין זיין אַ קריעת ים סוף!** "ואתה הרם את מטך ונטה את ידך על הים ובקעהו ויבאו בני ישראל בתוך הים ביבשה!"

## 'אמונה' מאַכט אַז מען זאָל שפּעטער זינגען 'שירה'

נאָך אַ נקודה שטייט דאָ אין אור החיים הק', אַז אַדאַנק די אמונה פון אידישע קינדער איז נישט בלויז געשען דער נס אַז דער ים האָט זיך געשפּאָלטן, נאר צוליב די אמונה האָבן זיי אויך זוכה געווען צו זינגען שירה.

דאָ ליגט אַ מורא'דיגע יסוד: **אָן קיין אמונה זאָגט מען נישט קיין שירה, אפילו ווען מען זעט אן אָפּענע נס פאַר די אויגן!** שירה קומט בלויז פון אַ 'השגה', ווען דער מענטש איז זוכה צו אַנערקענען דעם רבוש"ע.

וויפיל מענטשן איז דאָ וואָס דער אויבערשטער מאַכט זיי נסים, **און אַ מינוט שפּעטער האָבן זיי שוין לאַנג פאַרגעסן און אַלעס איז צוריק צום אַלטן**. אפילו בשעת מעשה, האָבן זיי אפשר טאַקע אַ 'הכרת הטוב', **אָבער זיי זאָגן נישט קיין שירה**, זיי גייען נישט אַרויס פון די כלים צו אויסשרייען 'זה קלי ואנוהו'.

ווען איז דער מענטש יאָ זוכה צו זאָגן שירה?! **ווען ער האָט אַ שטאַרקע אמונה און דורך די אמונה באַקומט ער די ישועה, דעמאָלט זינגט ער שירה מיט'ן גאַנצן האַרץ!**

## ווען אַ איד גלייבט וועט ער נאָכדעם מכיר זיין די חסדי ה'

דאָס איז געווען די סיבה אַז ביי קריעת ים סוף האָבן אידן געזאָגט שירה, טאַקע ווייל זיי האָבן צוערשט געהאַט אַזאַ אמונה. אפילו ווען זיי האָבן נאָכנישט געזען קיין שום פּלאַן פאר קיין ישועה זענען זיי געגאַנגען אין ים אַריין, **דאָס ברענגט שפּעטער אַ געוואַלדיגע שירה.**

ווען אַ איד געפינט זיך אין אַ פּראָבלעם און ער זעט נאָכנישט די ישועה דאַרף ער גלייבן: אויב דער אויבערשטער האָט געזאָגט אַז ס'וועט זיין גוט, דעמאָלט וועט זיכער זיין גוט! **איך גיי ווייטער דאַווענען און לערנען, איך גיי ווייטער זיין בשמחה!**

איי, וויאַזוי קען איך זיין בשמחה?! ווייל איך גלייב אַז אַלעס וואָס קוקט מיר אויס ווי צרות איז בלויז ווי דער 'ים סוף', אָבער דער אויבערשטער האָט דאָך געזאָגט 'דבר אל בני ישראל ויסעו' - פאָר ווייטער! **דער ציווי פון 'דבר אל בני ישראל ויסעו' איז אַ ציווי פאר יעדן איינציגן איד, - זיי ממשיך צו דאַווענען, צו לערנען, צו אָנגיין מיט דיין סדר היום בשמחה!**

ווען אַ איד איז דאָס טאַקע מקיים מיט אַ ריינע אמונה, וועט ער שפּעטער זוכה זיין צו קענען זאָגן שירה! און צווישן די 'אמונה' מיט די 'שירה' וועט גראַדע אויך זיין אַ 'נס', אַלעס וועט ווערן מסודר.

## אָן קיין 'אמונה' כאַפּט מען ניטאַמאָל אַז ס'האָט פּאַסירט אַ נס

ווידער אויב דער מענטש האָט חלילה נישט קיין אמונה, דעמאָלט אפילו אויב שפּעטער וועט ער זוכה זיין צו אַ נס, וועט ער דורכגיין דעם נס און ער וועט זיין אַ 'שוטה אינו מרגיש'! **נאָכ'ן נס וועט ער ווייטער צוריקגיין צו זיין נאָרמאַלער לעבן, ס'וועט אים גאָרנישט אָנרירן די גאַנצע נס!** עס וועט אים נישט אַרויסברענגען צו קענען זאָגן שירה!

בלויז ווען דער מענטש גייט אַרום בשמחה, טראָצדעם וואָס ס'איז אים חושך, ווייל ער גלייבט אַז דער אויבערשטער גייט אים העלפן און ער איז מקיים דעם 'ויסעו', ער הייבט אָן פאָרן, דעמאָלט קען ער שפּעטער זאָגן שירה.

## אפילו היינטיגע צייטן; יעדער וואָס וויל, קען זינגען 'שירה'

דער אור החיים הק' איז ממשיך מיט אַ הפלא'דיגע זאַך: אַז דערפאַר שטייט 'ישיר' - אַ לשון עתיד, ווייל מען וואָלט זיך געקענט טועה זיין כאילו דאָס וואָרט "אָז" איז אַ מיעוט, כאילו דער מושג פון שירה איז בלויז געזאָגט געוואָרן פאַר יענעם דור, ווייל דעמאָלט האָבן זיי זוכה געווען צו אַזאַ סאָרט הויכע השגה פון אמונה. אָבער מיר, אין אונזער דור, זענען נישט אויף די מדריגה צו אויך קענען שירה.

דערפאַר זאָגט דער פּסוק 'ישיר' - אַז **די שירה איז אַ חלק פון דער תורה, פאר יעדן איד און יעדן מצב!** "וכל הבא לשיר שירה זו לפני ה', יש לאל ידו" - יעדער וואָס וויל זינגען שירה פאַר'ן אויבערשטן האָט די מעגליכקייט דערצו, אפילו היינטיגע צייטן!

די תורה מוז זאָגן דאָס וואָרט "אָז", כדי אונז צו לערנען וויאַזוי מ'קומט אָן צו דער מדריגה פון זאָגן שירה, דורך אמונה ובטחון. אָבער דערנאָך זאָגט די תורה גלייך דאָס וואָרט "ישיר", כדי מיר זאָלן וויסן אַז דאָס איז נישט בלויז אַ 'לשון עבר', נאר יעדעס מאָל וואָס אַ איד איז מקיים דעם 'ויאמינו בהשם' קען ער נאָכדעם זאָגן שירה. דאָס איז אַ חלק פון דער תורה הק'!

## די מצוה פון זאָגן 'שירה' איז אונז צו באַלייכטן מיט אמונה

דער אור החיים הק' לייגט צו נאָך שטאַרקער, אַז דאָס וואָרט "ישיר" איז מרמז אַז **ס'איז אַ מצוה צו זאָגן שירה!** ס'איז נישט בלויז אויב מען וויל קען מען זינגען שירה, נאר ס'איז ממש אַ מצוה דאָס שטענדיג צו זאָגן, **ווייל דאָס איז אַ וועג וויאַזוי אַ מענטש איז מחזק זיין**

**אמונה!** דורך די שירה דערמאַנט מען זיך אַז די אַלע גבולות פון דער וועלט, די אַלע גרעניצן פון 'עולם שנה נפש' איז נישט אמת!

די שירה מאַכט אַז מיר זאָלן אַנערקענען אַז די גאַנצע טבע, וואָס מאַכט אונז אַזוי צעטומלט, **איז פשוט שקר וכזב!**

דעריבער איז אַ מצוה צו זאָגן 'שירת הים' און מען האָט דאָס מתקן געווען ביים דאַווענען שחרית יעדן אינדערפרי, ווייל אַ מענטש דאַרף דאָך לערנען פאַר'ן דאַווענען. אַזוי זאָגט רש"י אין מסכת ברכות (ה, א) אַז דאָס לערנען פאַר'ן דאַווענען איז דורך לייענען קריאת שמע מיט די אַלע פסוקים וואָס מ'זאָגט ביי פסוקי דזמרה, דאָס הייסט געלערנט פאַר'ן דאַווענען!

### דע לפני מי אתה עומד

ווען דו גייסט דאַווענען, ווייסטו שוין ווער איז דער אויבערשטער?! ווען דו גייסט בעטן 'רפאנו ה' ונרפא' און דו האסט שוין אַ צעטעלע אין דיין סידור וואו ס'איז פאַרצייכנט די נעמען פון די חולים וואָס דו גייסט דערמאַנען, אָבער אויב דו גלייבסט נאָכנישט גענוג שטאַרק, וויאַזוי קענסטו דאַווענען אָן קיין אמונה?

**דערפאַר דאַרפסטו קודם זאָגן די שירה! אַזוי וועסטו באַקומען אמונה!** וועסט זען אַז אידן זענען געשטאַנען ביים ים און באמת איז עס בכלל נישט געווען קיין ים! דאָס איז נישט קיין זאַך וואָס איז בלויז דעמאָלט געשען, דאָס איז אַלעמאָל אַזוי! ווי מ'זעט ביי רבי פנחס בן יאיר אַז די טייך האָט זיך געשפּאָלטן פאַר אים, (חולין ז, א).

דערפאַר שטייט "ישיר" בלשון עתיד, אַז ווער עס וויל קען אַריינגיין אין דער חלק פון דער תורה! יעדער איד קען זוכה זיין אַז **מיט'ן כח פון זיין אמונה זאלן זיך ים'ן שפּאַלטן פאַר אים און מציאות'ער זאָלן זיך טוישן מן הקצה אל הקצה,** אַלעס מיט'ן כח פון אמונה!

ג

## שירה לעולם הבא; אין די 'שירת הים' ליגט אַלע גאולות פאר אַלע שוועריגקייטן

### אַלעס ליגט באַהאַלטן אין די הייליגע 'שירה'

אַזוי שטייט באמת אין זוהר הק', און ס'ווערט אַראָפּגעברענגט אין ספה"ק **בית אהרן לפסח**, אַז די שירת הים איז נישט בלויז שייך צו זאָגן אום 'שבת שירה' אָדער 'שביעי של פסח', נאר **אין די שירה ליגט אַלעס וואָס איז געווען און אַלעס וואָס וועט זיין, אַלע גאולות און אַלע ענינים וואָס אַ איד דארף האָבן!** יעדע שוועריגקייט וואָס אַ איד גייט אַריבער, אַלעס איז נכלל אין 'שירת הים'!

אויב אַ מענטש וועט זאָגן די שירה מיט'ן גאַנצן האַרץ און מיט אַ 'מסירת נפש', יעדער לויט זיין מדריגה, וועט ער ווערן מתוקן מיט אַלע זיינע ענינים בגוף ובנפש!

דאָס לשון אין **ספה"ק בית אהרן (צג, ד)** איז ווי פאלגנד: "**בשירת הים יש הכל, מה שהיה ומה שעתיד להיות, וכל הגאולות וכל הענינים שצריך האדם, הכל נכלל בשירת הים. ואמר: אם יאמר האדם שירת הים בכל לב ובמסירות נפש, כל אחד לפי מה שהוא, יתוקן כל עניניו בגוף ונפש .**"

### זאָגן 'שירת הים' דורך אַוועקגעבן אַלע געפילן פונעם נפש

וואָס איז טייטש זאָגן די שירה מיט אַ 'מסירת נפש'?! ווען אַ מענטש'ס נפש ציעט אים, ער איז אויפגערעגט, ער איז צעבראָכן, אָבער דער מענטש גיט איבער אַלע זיינע הרגשים פאַר'ן אויבערשטן, ער איז זיך 'מוסר' זיין 'נפש': "איך שפּיר טאַקע אַ געוואַלדיגע צער מיט עגמת נפש ווייל איינער האָט מיך באַ'עולה'ט, איך קען זיך נישט באַרואיגן, יענער האָט מיך אַזוי שטאַרק געטשעפּעט, יענער האָט מיך באַ'גנב'ט, איך געפין זיך אין אַ צער, איך געפין זיך אין אן ענגשאַפט, איך געפין זיך אין מצרים, מיינע הרגשים זענען פאַרקלעמט, **אָבער איך גיי זאָגן 'שירת הים' מיט אַ מסירת נפש!** איך גיי אַוועקגעבן די אַלע הרגשים און כ'גיי זיך דערמאַנען אַז דאָס אַלעס איז נישט אמת, דער רבוש"ע פירט די וועלט!"

**אָט דאָס הייסט 'זאָגן שירת הים מיט מסירת נפש'!** און ווען אַ איד זאָגט אזוי 'שירת הים' דעמאָלט איז אים דער 'בית אהרן' מבטיח אַז ער וועט זוכה זיין צו אַ תיקון אויף אַלע זיינע ענינים בגוף ובנפש!

### זוכה זיין צו אַ 'שלימות הנפש'

אין ספה"ק **בית אהרן** איז דאָ אַ 'סדר היום' פון הרה"ק רבי **אשר סטאָלינער** זי"ע, שטייט דאָרט אין די הנהגות: "**יזהר לומר פסוקי דזמרה בשמחה ובטוב לבב, ובפרט שירת הים, כי זה שלימות הנפש**". - אַ איד וואָס איז נזהר צו זאָגן דעם שירת הים בשמחה קען ער צוקומען צו אַ שלימות הנפש! מיר נוצן בלויז אַ קליינע פּראָצענט פון אונזער נפש, דאָס איז גורם אַז מיר ווערן אַזוי צעטומלט פון יעדע קלייניגקייט וואָס קוועטשט אונז, אָבער דורך זאָגן 'שירת הים בשמחה' קען מען צוקומען צו אַ 'שלימות הנפש'!

אַ איד וואָס איז זוכה צו שלימות הנפש לעבט אין עולם הבא! ער איז אין 'גן עדן'! פאַרוואָס?! **ווייל ער זעט אָפן דעם 'זה קלי ואנוהו'.** ער האָט אַזאַ שטאַרקע אמונה וואָס ברענגט אים צו זינגען שירה מיט אַ געוואַלדיגע שמחה!

### אין דער שירה איז תלוי אַלע שירות

דער **זוהר הק'** אין פּרשת בשלח זאָגט אַ מורא'דיגע לשון: "**תָּנֵינָן**" מיר האָבן געלערנט אַז "**כָּל בַּר נָשׁ דְּאָמַר שִׁירָתָא דָא בְּכָל יוֹמָא**" - יעדער איינציגער איד, נישט משנה זיין מדריגה, אפילו אַ איד אין זיין שוואַכסטן מצב, אפילו אַ איד וואָס איז היינט אויפגעשטאַנען שפּעט. מען רעדט דאָ צו יעדן איד וואָס וועט זאָגן די שירת הים.

"**וּמְכַוֵּון בָּהּ**" - ער איז מכוון די טייטש פון די שירה, ער פארשטייט און דערהערט אַז אין די שירה שטייט אַז אידן האָבן געזען ווי דער אויבערשטער איז אַזאַ 'טוב ומטיב'! ביז יעצט האָבן זיי אַזויפיל געליטן אין מצרים, זיי זענען געווען זיכער אַז אַלעס איז פאר זייער שלעכטס, אָבער **יעצט האָבן זיי מכיר געווען אַז אַלע צרות איז נאָר געווען זיי צו ברענגען נאָנטער צו די אמונה און צו קענען מקבל זיין די תורה!** ווען אַ איד זאָגט די שירת הים מיט אַזאַ כוונה, ער כאַפּט אַז די שוועריגקייט וואָס דער אויבערשטער ברענגט אויפ'ן מענטש איז אַלעס נאר כדי ער זאָל קענען צוקומען צו אַ העכערע השגה.

דעמאָלט "**זָכֵי לְמֵימְרָא לְזִמְנָא דְּאָתֵי**" - וועט ער זוכה זיין צו זינגען די שירה אויך אין עולם הבא. "**דְּהָא אִית בָּהּ עָלְמָא דְּעָבַר, וְאִית בָּהּ עָלְמָא דְּאָתֵי, וְאִית בָּהּ קִשְׁרֵי מְהֵימָנוּתָא, וְאִית בָּהּ יוֹמֵי דְּמַלְכָּא מְשִׁיחָא וְתָלֵי עָלָהּ כָּל אִינּוּן תּוּשְׁבְּחָן אַחֲרָנִין דְּקָאַמְרֵי עִלָּאֵי וְתַתָּאֵי**" - אין דער שירה ליגט דער 'עבר' און דער 'עלמא דאתי', ס'ליגט דאָרט די קשרים פון די גאַנצע אמונה און ס'ליגט דאָרט וואָס גייט זיין ביי די טעג פון דעם מלך המשיח, און אויף זענען אָנגעהאָנגען אַלע אַנדערע שירות ותשבחות פון אַלע וועלטן, אַלע שירות פון די עליונים ותחתונים איז נכלל אין דעם שירת הים!

---

**◄ אותיות מחכימות ►** — אור החיים הק' בשלח טו, א

אז ישיר. לא היה צריך לומר אז אלא וישר משה וגו' והדבר מובן כי אז שוררו. אכן יכוין הכתוב להודיענו הכנת המושג. כי כשנכנסה בלבם יראת הרוממות והאמונה השלימה אז זכו לומר שירה ברוח הקודש.

ואומרו ישיר לשון עתיד לצד שאמר אז חש הכתוב שיטעה אדם ויאמר כי אז מיעט שאין שירה זו יכולה ליאמר זולת אז תלמוד לומר ישיר שישנה לשירה זו גם לעתיד וכל הבא לשיר שירה זו לפני ה' יש לאל ידו.

או ירמוז למצוה שמצוה לאומרה תמיד וקבעוה בתפלת שחרית בכל יום:

**זוהר הק' בשלח**

אָז יָשִׁיר מֹשֶׁה וּבְנֵי יִשְׂרָאֵל אֶת הַשִּׁירָה הַזֹּאת לַה'. שִׁירָתָא דְּמַטְרוֹנִיתָא לְקֻבְ"ה. תָּנֵינָן, כָּל בַּר נָשׁ דְּאָמַר שִׁירָתָא דָא בְּכָל יוֹמָא, וּמְכַוֵּון בָּהּ, זָכֵי לְמֵימְרָא לְזִמְנָא דְּאָתֵי. דְּהָא אִית בָּהּ עָלְמָא דְּעָבַר, וְאִית בָּהּ עָלְמָא דְּאָתֵי, וְאִית בָּהּ קִשְׁרֵי מְהֵימָנוּתָא, וְאִית בָּהּ יוֹמֵי דְּמַלְכָּא מְשִׁיחָא, וְתָלֵי עָלָהּ כָּל אִינּוּן תּוּשְׁבְּחָן אַחֲרָנִין דְּקָאַמְרֵי עִלָּאֵי וְתַתָּאֵי.

ד

# לך ה' הממלכה; די געוואַלדיגע השפּעות פון 'שירת הים'

## די סגולה פון זיך מצייר זיין כאילו מען איז יעצט ביי 'קריעת ים סוף'

פון דעם לשון הזוה"ק זעט מען אַז אין דער שירה געפינט זיך אַלע שירות פון אַלע אידן אין אַלע דורות. אַזוי שטייט טאַקע פון דעם **חיד"א**, וואָס ווערט געברענגט אין אַסאַך ספרים, אַז **בשעת מען זאָגט די שירה זאָל מען זיך מצייר זיין אַזוי ווי מען גייט יעצט אַליין אַריבער 'ביבשה בתוך הים' און מען ווערט געראַטעוועט.**

די פּשט דערפון איז אַז בשעת ווען אידן האָבן געזאָגט די שירה איז געשען צוויי זאַכן. די ערשטע זאַך איז געווען אַז **אידישע קינדער זענען זייער נתעלה געוואָרן**, און די צווייטע זאַך איז געווען אַז **זיי האָבן געזען די מצרים ליגן 'מת על שפת הים'.**

## דורך 'שירה' ווערן אַלע פּראָבלעמען גענצליך בטל

דאָ ליגט אַ גרויסער לימוד: ס'איז דאָ אַמאָל ווען אַ מענטש גייט אַריבער אַ שוועריגקייט און דערנאָך באַקומט ער אַ 'סייעתא דשמיא' אַז ער לויפט אַוועק פון די שוועריגקייטן, עס עפנט זיך פאַר אים אַ נייע וועלט, אָבער די אַלע פּראָבלעמען בלייבן אויף זייער פּלאַץ, ער האָט זיך טאַקע אפגעטשעפּעט דערפון אָבער די שוועריגקייטן זענען געבליבן.

ווידער איז פאַרהאַן אַ מענטש וואָס ער ווערט גאָר שטאַרק נתעלה, ער דערהייבט זיך העכער אַלע זיינע שוועריגקייטן, און צוזאַמען דערמיט וואָס די פּראָבלעמען האָבן שוין נישט קיין שייכות מיט אים, זעט ער גלייכצייטיג, וויאַזוי די אַלע צרות ווערן בטל ומבוטל. **נישט בלויז האָט ער זיך אָפּגעטרייסלט פון אַלע שוועריגקייטן, נאָר ער איז זוכה צו זען ווי די אַלע שוועריגקייטן פאַלן צוזאַם און ס'בלייבט גאָרנישט דערפון.**

דאָס האָט זיך אָפּגעשפּילט ווען אידישע קינדער זענען געשטאַנען ביים ים סוף. פון איין זייט האָבן זיי זוכה געווען צו דערהויבן ווערן מיט אַ געוואַלדיגע התעלות, אָבער צו דער זעלבער צייט האָבן זיי מיטגעהאַלטן ווי די מצרים ווערן בטל און ליגן 'מת על שפת הים'.

זאָגט דער חיד"א אַז אַ מענטש דאַרף זיך מצייר זיין אָט די זעלבע זאַך **כלפּי זיין אייגענע 'מצרים'**; ביי זיינע אייגענע שוועריגקייטן זאָל ער זיך מחזק זיין מיט אן אמונה, אַז וויפיל מער ער וועט נתעלה ווערן וועט ער זען אַז די אַלע פּראָבלעמען ווערן בטל און ס'בלייבט גאָרנישט דערפון.

ווען מען איז זיך דאָס מצייר קען די 'שירה' האָבן אַ געוואַלדיגע השפּעה אויפ'ן מענטשן, וואָס דאָס איז דאָך דער עיקר, אַז די 'שירה' זאל איבערלאָזן אן השפּעה אויף אונז.

## 'שירת הים' - אַ געוואַלדיגע סגולה פאר פּרנסה

אין ספה"ק **מאור עינים** פּרשת ואתחנן רעדט ער אַרום, אַז דערפאַר שטייט די 'פּרשת המן' נאָך דעם 'שירת הים', ווייל **בלויז נאָכדעם וואָס מען האָט די אמונה פון 'שירת הים' קען מען באַקומען די שפע פון 'פּרשת המן'.**

דער מאור עינים איז מסביר אַז אַ מענטש קען נישט באַקומען קיין שפע וואָס קומט אַראָפּ אָן קיין לבוש, נאר אויב דער מענטש אַליין האָט אויך נישט קיין לבושים. **ווילאַנג דער מענטש איז פאַרגרעבט און ער ליגט אין 'עולם הזה' איז זייער שווער אַז ער זוכה זיין ס'זאָל אַראָפּקומען צו אים אַ גרויסע שפע אָן קיין לבושים.** הערשט נאָכדעם וואָס דער מענטש האָט געזאָגט די 'שירת הים' און ער איז אַביסל נזדכך געוואָרן מיט אן אמונה, דעמאָלט קען שוין קומען די מן.

מתוך דבריו הקי' זעט מען קלאָר אַז **די 'שירת הים' איז גאָרנישט קיין קלענערע סגולה לפּרנסה ווי 'פּרשת המן'!** ס'איז ביידע די זעלבע בחינה, איינס נאָך די אַנדערע. אדרבה, 'שירת הים' איז גורם אַז ס'זאָל קענען קומען אַ 'פּרשת המן' מיט אַסאַך שפע!

> **בלויז נאָכדעם וואָס מען האָט די אמונה פון 'שירת הים' קען מען באַקומען די שפע פון 'פּרשת המן'**

ווען אַ איד זינגט 'שירה', ווייל ער איז מכיר אַז דער אויבערשטער פירט די גאַנצע טבע, דעמאָלט קומט אים טאַקע אָן אַ געוואַלדיגע השפּעה פון דעם מקור השפע!

## 'פּסוקי דזמרה' איז אַן הכנה צו 'שירת הים'

דער **זוהר הק'** אין פּרשת תרומה פרעגט: פאַרוואָס זאָגט מען די 'שירת הים' נאָך 'פּסוקי דזמרה'?! לכאורה וואָלט מען געדאַרפט זאָגן קודם די 'שירת הים' וואָס שטייט אין דער 'תורה', און דערנאָך זאָגן די 'פּסוקי דזמרה' וואָס שטייט אין תהלים וואָס איז אין 'כתובים'?!

דער זוהר הק' זאָגט דאָרט אַ פּנימיות'דיגע טיפע תשובה אָבער די עיקר נקודה פון דער תירוץ איז אַז 'שירת הים' האָט אַ שייכות מיט די מדה פון 'מלכות', און דערפאַר דאַרף מען קודם זאָגן די פריערדיגע חלקים פון 'פּסוקי דזמרה'. מען דאַרף זאָגן 'ויברך דוד' וואו מען דערמאַנט דעם פּסוק פון **'לך ה' הגדולה וכו' והממלכה'**. אַצינד אַז מען איז שוין אָנגעקומען צום תיקון פון מדת המלכות, וואָס ווערט דערמאַנט ביים סוף פון דעם פּסוק, יעצט קען מען זאָגן 'שירה'.

## מ'דאַרף אַריינגיין אין אַ מצב פון דאַנקן השי"ת מיט'ן גאַנצן האַרץ

ווי פאַרשטענדליך איז דאָס הויכע ענינים, אָבער אויף אַ פּראַקטישן אופן ליגט אין דעם זוהר הק' אַ יסוד וואָס איז נוגע אפילו בפּשטות, אַז דער שורש פון אַ אידישע נשמה איז אין די מדה פון מלכות, און דערפאַר קען מען נישט זאָגן 'שירה' איידער מען זאָגט קודם 'פּסוקי דזמרה', ווייל דעמאָלט גייט מען קודם אַריין אין אַ מצב פון 'דאַנקן דעם אויבערשטן', און אַזוי קען מען דערנאָך צוקומען צו קענען זאָגן 'שירה' מיט אַ געשמאַק.

ווען מען האָט נאָך די פאַרקלעפּטע אויגן זאָגט זיך נישט געהעריג קיין 'שירה'... **צוערשט דאַרף מען זאָגן 'פּסוקי דזמרה', מען דאַרף זיך דערמאַנען אַלע גוטע זאַכן און דאַנקן דערפאַר. יעצט, אַז דו האַלטסט שוין נאָך 'פּסוקי דזמרה', קענסטו זאָגן 'שירה' מיט אַ שמחה!** יעצט קענסטו מאַכן דעם תיקון פאר דיין נשמה.

יעדן טאָג ווערט די אידישע נשמה אויסגעוואַשן דורכדעם וואָס ער זאָגט שירה! **ס'איז אַ געוואַלדיגע געלעגנהייט פאַר אַ מענטש אַז ער זאָל קענען אַרויסנעמען זיין נשמה פון 'מצרים' יעדן אינדערפרי,** מען דאַרף בלויז צולייגן קאָפּ און זאָגן די שירת הים מיט אַ כוונה און מיט אַ שמחה!


**פטרוני השבוע**
יעמדו על הברכה שלקחו חלק בהפצת הגליון

ידידנו הדגול **הרוצה בעילום שמו**
לזכות רפואה שלמה בקרוב
**יהודה גרשון בן שרה**
**הילד משה בן חנה**
בתוך שאר חולי ישראל

לזכר נשמת
הרה"ק **רבי חיים זאנוויל**
**בן רבי משה** זצוק"ל
**אדמו"ר מריבניץ**

ישלם ה' פעלם ויזכו לכל הברכות האמורות בתורה



**ניתן להשיג הגליון במקומות הבאים:**

**באָרא פּארק:**
סאטמאר 53 לאקער #62
קראסנא לאקער #166
ראחמיסטריווקא - ליד המקוה
טאהש - ליד המקוה
The Winery 18 Ave

**וויליאמסבורג:**
ביהמ"ד סאטמאר - בנין בראך
בראשוב
Central Market
וויען

קול הבינני: ארה"ב – 718.686.8300 | א"י. 072.257.7726 | בריטניה. 0204.586.2115 | בלגיה. 03.300.0223